STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10881

# LIDER FUN DER NAKHT

Jechiel Hofer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MR. LOUIS OPPER
130[illegible] Ave.
Bx. [illegible]59

דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרן אין דער בוכ־
דרוקעריי ס. י. פּ. נ., 14, רי דע פּאַראַדי, פּאַריז,
אין פינף הונדערט עקזעמפּלאַרן: פּופּציק
אויף אַרש־פּאַפּיר, נומערירט פון 1 ביז 50
(נישט אין פאַרקויף), דריי הונדערט אויף רע־
גיסטער־פּאַפּיר רישעליע, נומערירט פון 51 ביז
350, הונדערט און פופציק אויף פּערגאַמענט־
פּאַפּיר רישעליע, נומערירט פון 351 ביז 500.

**jechiel hofer: lider fun der nacht (poèmes de la nuit) · copyright 1950 by a. b. cerata, paris · imprimerie s.i.p.n., 14, rue de paradis, paris (Xe)**

**p r i n t e d   i n   f r a n c e**

ע ק ז ע מ פּ ל אַ ר

278

יחיאל האָפּער / לידער פון דער נאַכט

י ח י א ל  ה אָ פּ ע ר

# לידער
# פֿון דער נאַכט

ת ש " י / 1 9 5 0

פֿאַרלאַג פֿון אַ. ב. צעראַטאַ / פּאַריז

געווידמעט

דעם ערשטן קרבן פון מיין פאַרצווייגטער משפחה,

וועלכע איז פאַרלענדט געוואָרן פון נאַצישן רשעות

— דעם אָנדענק פון מיין יינגסטער שוועסטער

אסתר האָפּער

***

דיינע ברוינע אויגן
האָט פאַרפלייצט די נאַכט
און זיי דערטרונקען.

ס׳איז נישט אמת,
אַז דער טויט איז שוואַרץ
ווי די נאַכט.
דער טויט איז ווייס —
און בלינד.

דער גרינער הויך
פון דיינע באַקן,
ווי דער גרינער טוי
פון איילבירטן —
איז אַוועק מיטן רויך.

כ׳קען נאָך אַלץ נישט
בענקען צו דיר,
כ׳קען נאָך אַלץ
נאָר פאַרצווייפלען.

די נאַכט, די נאַכט
זי רוקט אַזוי גיך אַוועק —
אַלע זאַכן
און מאַכט אַזויפיל אָרט,
אַזוי געראַם —
צום פאַרצווייפלען.

כ׳קען שוין מער גאָרנישט
ווי לעבן פון צער.

ס׳איז נאַריש צו מאַכן זיך
א גאָט —
און אים לעסטערן,
אַרויפשטעלן אים ווי אַן אַפּלייטער
אויפן שפּיץ דאַך
פון אַלע וויטאַקן —
און דונערן אין אים
מיט שפּאָט.
ווער דאַרף דאָס?

דיינע ברוינע אויגן
האָט פאַרפּלייצט די נאַכט —
נישט דער טויט.

כ׳וועל דורך אַלע מיינע
לידער פון דער נאַכט
זוכן דיך.

און ווען כ׳וועל אויפהערן
דיך זוכן —
וועל איך שטאַרבן,
צוקאָפּנס מיר די נאַכט —
ווי א פאַרלאָשן ליכט.

...וַיַּבְדֵּ֥ל אֱלֹהִ֖ים בֵּ֥ין הָא֖וֹר וּבֵ֥ין הַחֹֽשֶׁךְ׃
וַיִּקְרָ֨א אֱלֹהִ֤ים ׀ לָאוֹר֙ י֔וֹם וְלַחֹ֖שֶׁךְ קָ֣רָא לָ֑יְלָה...

(בראשית, א׳)

---

...און גאָט האָט פֿונאַנדערגעשיידט צווישן דעם ליכט און צווישן דער פֿינצטערניש. און גאָט האָט גערופֿן דאָס ליכט טאָג, און די פֿינצטערניש האָט ער גערופֿן נאַכט...

(יידיש: יהואש)

## א

נאַכט !
צעיאָג די מזלות,
צעבּרעך די קאָנסטעלאַציעס,
טרייב די מרכבה
מיט שטורם און מיט צאָרן.
לעש אוים די שטערן,
רייס אַרוים די לבנה
און וואַרף זי אין ברייטן
אָפּגרונט פון ים.

נאַכט —
דו אור-איייניקל פון תוהו-ובוהו —
אין דיין לייב האָב איך אַזוי אָפּט
געהאָפט צו אַנטרינען.
אין דיין קלייד געטראַכט
אַזוי גוט זיך באַהאַלטן.
דיין בלינדקייט האָט געזאָלט מיר
אַ וועג-ווייזער זיין.
נאָר דראָט — איז דראָט
און מויער — איז מויער —
און דו ביסט נישט מער
ווי דאָס נישט-זיין פון ליכט.

נאַכט —
מיין זיידע האָט דיך באַלויכטן
מיט אַ כשר וואַקסן ליכטל,
אָבער זיי האָבן דיך טריף געמאַכט
מיטן ליכט פון רעפלעקטאָרן.
אפשר האָסטו זיך היילקן געוואָלט
אין שריפות־ליכט פון יידישע היימען,
וואָס ברענען זינט דורות
ווי אין מדבר דער דאָרן.

נאַכט —
מיך רייצט דיין אַלטפרענקיש צירינג —
געשאָנקען דיר פון גאָט
אין די טעג פון בראשית.
ריים עס אַראָפּ פון זיך,
וואַרף עס אַוועק.
איך זע,
איך גיי אַל־אום —
און אומעטום,
אויף אַלע גאַסן
טוען מיליאָנען לאָמפּן
שמייסן דיין לייב מיט חוזק און מיט
שפּאָט.

נאַכט —
כ׳האָב דיך אַזוי גוט ליב געהאַט —
איצט האַס איך דיך, כ׳האָב פאַר דיר מורא.
דיינע סודות זענען שטרויכלונגען געוואָרן,
דיין ווייכקייט איז האַרט ווי אַ שטיין,
דיין שטילקייט שרייט מיט פאַרראַט,
דיין קילקייט איז דער קאַלטער סם פון טויט.
רוצחים — רצחנען אין דיר,
גנבים — גנבנען אין דיר,
זונות — זינדיקן אין דיר.
די פלאַמען פון מיין שטוב האָבן דיך געשענדט
אין דער נאַכט, ווען מען האָט מיין הויז פאַרברענט.

נאַכט —
כ׳וויל שוין גאָרנישט פון דיר,
כ׳וויל נאָר מיין פנים פאַרבאָרגן פון דיר.
איך שעם זיך פאַר דיין לערקייט,
איך שעם זיך פאַר דיין נאַקעטקייט —
און איך שעם זיך פאַר מיין גורל,
ווייל איך ווייס, אַז נאָר מיט דיר בין איך געבליבן
אויף אייביק און אַליין.

ב

דער אָן־לבֿנהדיקער, אָן־שטערנדיקער נאַכט
האָבן די בלומען געשענקט זייערע פֿאַרבן.
ס'גייט דורך דער ווינט שטיל און פֿאַרטראַכט
אויף קלאַווישן פֿון לאַנגע בלעטער.
די מאַמע פֿון די שאָטנס האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ
אויף די פֿעטע קני און שווייגט.
ס'איז פֿאַרשטומט געוואָרן די מוזיק.
די נאַכט האָט אוועקגעשאָנקען אירע קלאַנגען
די בלומען די פֿאַרבלאָזע, די בלומען די קלאַנגלאָזע.

די נאַכט האָט אויפֿגעבונדן אַלע געשטאַלטן.
ווי אין אַ שוואַרצן קנויל פֿאַרוויקלט דעם רוים.
כ'גיי אַנטקעגן דעם ליכט, אַנטקעגן דער וועלט,
וואָס וואַרט אויף מײַנע אויגן
ווי אויף די טעג פֿון בראשית.
כ'שטעל אויף מײַן געצעלט
אין סאַמע מיטן פֿון מײַן חרוב געוואָרן־לאַנד.
כ'וויקל פֿונאַנדער דעם רוים.
דעם גרויסן גוטסדיקן גוף פֿון דער נאַכט
פּרעסן די ווײַסע ווערעם פֿון טאָג.

וועמען זאָל איך מיינע אויגן אָנווענקשענקען —
די שרעקעוודיקע חורבות, די שפּיציקע,
אויף וועלכע מיינע בליקן, ווי די ליפּן פון ווינד,
טוען בלוטיקן אָצינד ?
וועמען זאָל איך מיין האַרץ אָנוועקשענקען —
דער ערד, וועלכע כ'האָב מיט מיינע טריט געצערטלט
אַ יוגנט לאַנג — ווי דער טויט ?
וועמען זאָל איך מיין ליבע אָנוועקשענקען —
טאַקע דיר, דיין אויסגעהונגערט לייב,
וועמען גאָט גייט יאָרן לאַנג אַזוי נאָך —
און וואַרט בחינם אויף דיר
ווי אויף אַ ווייב.

ג

שיכור פון נאַכט
וואַלגערן זיך שטערן
אין די מיט רעגן
איבערפולטע רינשטאָקן.

ס'קושט דאָס ליכט
די טריט פון די שאָטנס.

וואו זאָל איך פאַר דיר אַנטלויפן,
נאַכט ?
האָסט מיך געבענטשט
מיט רחבותדיקן טרויער
פון איינזאַמקייט,
מיט ביטערער הפקרות
פון אַ יתום.

נאַכט —
ס'ברענט אויס דאָס ליכט
שטיקער פון דיין לייב
און דו שווייגסט
ווי ס'שווייגט מיין פאָלק.

נאַכט —
ביזט אַזוי יידיש
מיט דיין לאַנגען שוואַרצן בגד,
מיט דיין פּעכענער באָרד
און מיט די גאָלדענע לעכער
פון דיין דורכגעשאָסענעם קאָפּ.

וואו זאָל איך פאַר דיר אַנטלויפן,
נאַכט ?
אַז וואו כ'זאָל נישט פאַלן,
פאַל איך צו דיינע פיס.
און מיין יעדע פרייד
איז נאָר אויך אַ קדיש
און אַ שטאַפּל צו דיין אומעט,
וואָס איז גרויס, ווי די וועלט.

ד

ביים הימלס מערבדיקן ראַנד
איז די זון אַראָפּגעפאַלן
און זיך צעבראָכן אויף שטערן.

די נאַכט קומט אָן
זינגענדיק אַ טונקלען ווינט.

די לבנה האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ וואָלקן
און אַרוים אין הימל נאָר אַ האַלבע.

ס׳פינקלען די שטערן צו דער ערד
מיט טרויעריקן באַגער.

כ׳וויל אַרוים אין דער נאַכט
און צוריקרופן די טעג
פון מיינע העלע יאָרן.

כ׳וויל שניידן
פון דער הימלישער ערד
דעם גאָלדענעם ווייץ.

קום —
פאַרוואָס שרייען דיינע אויגן
מיט טרוקענעם געוויין
פון פאַרברענטע ביינער ?

קום —
לאָמיר זיך באַהאַלטן
אין הויכן קוסט פון דער נאַכט,
אין שאָטן פון אַ ציטערנדיקן שטאַב.

אפשר וועלן מיר טרעפן גאָט,
וואָס וואַנדערט איינזאַם
און בעט פאַרגעבונג.

ה

די נאַכט גייט איבערן הימל
מיט טריט פון שטערן —
ווי דער ביבלישער ברונעם מרימס
גייט איר שמייכלענדיק די לבנה נאָך.
מיט מיינע אויגן שעפּ איך אָן
ליכט צוויי איבערפולטע עמערס —
און באַגיס דעם פאַרטונקלטן גאָרטן
פון מיינע פאַרפלאָנטערטע געפילן.

די וועלט האָט נישט מער
קיין פיר זייטן.
נישטאָ קיין מזרח, נישט מעריב,
נישט צפון און נישט דרום.
נאָר ערגעץ אונטער אַ נידעריקן קוסט
פון פעלד־בלומען —
ליגט באַהאַלטן דער אין־סוף
און וואַרט מיט שרעק אויפן טאָג,
וואָס וועט פאַרראַטן זיין סוד.

אַזויפיל נעכט פאַרשפּילט אין חלום,
אַזויפיל חלומות פאַרשפּילט אין די נעכט,
זאָל איך איצט איינגורען מיין קאָפּ
אין זאַמד פון מיינע מדברדיקע טעג ?
ס׳שווייגט פון ווייטיק די נאַכט
ווען מיט ליכט שטורצט דער פאַרטאָג
פון איר פאַרגוואַלטיקט לייב.

ז

איין טראָפּן
פון מיין טונקלען געמיט
איז אַריינגעפאַלן
אין צעפּלאָשעטן ים
פון בייטאָגיקן ליכט —
און פאַרפאַלן:
איך דעמער
און דער טאָג מיט מיר.

כ׳צייל די נאַכטיקע שעהן
פון מיין שטילן זיין.
אונטער אַ האָגל פון שטערן
טראָג איך די לאַסט
פון אַ לאַנגער נאַכט,
וואָס האָט זיך צווישן מיר
און מיין לעבן געלייגט.

כ׳רייס אַרויס דעם קאָפּ
פון ווילד־געוויקס פון שלאָף.
מיט צוויטן פון וויזיעס
אין די פאַרחידושטע אויגן
זע איך:

דער פאַרטאָג
טוט מיט צעפּעס
פון ליכט
דרעשן
די שוואַרצע זאַנג
פון דער נאַכט.

ז

הער זיך צו
צו דער טונקעלער פאַרב
פון דער נאַכט —
זי איז שטום.
דער קילער ריח
פון איר גלאַטיק לייב
האָט מיך פאַרשיכורט.
כ'ליג מיד דעם קאָפּ
אויפן וואָלקן פון מיין בעט,
וואָס טוט פאָראויסאַנען מיין טויט —
און אין טאַקט פון חלומות
צעשפּילט זיך מיין וואָר.

מיינע דורכגעלעבטע שעהן
וואַקסן אוים צו אַ גרויסער נאַכט,
וואָס וועט מיך פאַרשלינגען.
ס'וועט קיין קבר נישט זיין
מיין אייביק געלעגער,
נאָר די נאַכט —
וועט ווי אַ צעשטויבטן שטערן
מיך פאַרברענען אין זיך.

כ׳וועל אין גאָרטן פון הימל
אויסוואַקסן אַ בוים,
איך, דער איינציקער
פון אַ פאַרלענדעטן שטאַם
אָן אַ צוקונפטיק דור.
כ׳וועל זי אָננעמען
ביי דער האַנט
די נאַכט
און וועל בלייבן
אויף אייביק שטום
און ווי איצט —
פאַרטראַכט.

ח

די נאַכט האָט אויסגעטרונקען
דאָס ליכט פון מיינע אויגן.
כ׳ליג —
און וויל די שטילקייט אַזוי הערן
אונטער מיין קאָפּ ווי אין קבר :
אַ זעקעלע שטערן.

דאָס געוויין פון אַ שלעכטן חלום
איז ווי דאָס געוויין פון מיין וואָר.
וואָס זאָל איך דיר דען זאָגן
ווען אַלץ איז דיר אַזוי קלאָר ?
זעסטו דען נישט ווי ס׳פאַלן,
ווי פאַרוועלקטע בלעטער
די קלאַנגען ?
ווי דאָס פעלד גייט אוים ביינאַכט
מיט מידע שוואַרצע זאַנגען ?

די שטערן אונטער מיין קאָפּ
האָט זיך אויך פאַרוואָלט וויינען —
און ווי אַ טרער נאָך אַ טרער
זענען זיי געפאַלן פון זאַק,
און אַנשטאָט שטערן
מיר צוקאָפּנס —
דער פאַרטאָג, ווי אַ האַק —
אַ שאַרפער
און אַ קאַלטער.

## ט

ס'איז גוט, וואָס די נאַכט
איז טונקל —
און דעקט אַזוי ווייך צו
די חורבות פון מיין היים.

ס'שווימען שטיל
אין דער נאַכט
צעבראָכענע מויערן,
ווי צעשמעטערטע שיפן
אויף אַ שוואַרצן ים.

יעדן חצות
בלייבט שטיין די נאַכט
פאַרגליווערט,
ווי אַ מצבה
פון שוואַרצן גראַניט —
מיט זילבערנע אותיות
פון שטערן,
דער הימלישער שריפט.

אויף צעבראָכענע ביינער
פון אַ יידישער שטאָט,
וואָס איז נישט געקומען
צו קבורה —
שטייט די נאַכט אַליין.
בלויז אַ בייזער ווינט
יאָגט נאָך גאָט —
ביזן העלן טאָג אַריין.

י

דער הימל זעט מיך —
ס׳זעט מיך די לבנה —
נאָר ס׳זעט מיך נישט גאָט.

כ׳קיי די נאַכט
ווי אַ לאַבן ברויט
מיט מאָן פון שטערן.

אַ פאַרבלאָנדזשעטער רעגן
פאַלט בחינם
אויף אַן אָפּגעשניטן פעלד.

צום וויפלטסטן מאָל
קומט אומזיסט דער מאַן
אויף זיין ווייב דער עקרה.

ס׳קרייט דער האָן
פון בענקשאַפט צו שלימות.

מיין טאַטע ברענגט מיר
אין זיין גרויסער פאַטשיילע
די וועלט אַ מתנה.

איך גיב אַוועק די וועלט
פאַר אַ פּאָר פולע ווערטער
און בלייב אָן אַ היים.

און כ׳קום אום אין לעבן,
ווי ס׳זענען אומגעקומען אין טויט
מיינע פיר שוועסטערס.

יא

אַ הויכע סאָסנע ווייגט שטיל —
ס'בין־השמשהעט פון איר אומהיימלעך געוויין.
ס'איז פרייער האַרבסט:
די נאַכט שפּילט זיך מיט שטערן
ווי קינדער מיט כּמרולקעס.

כ'ווייס נישט ווי ווייט כ'וועל נאָך דאַרפן
גיין צו דיר.
די פינצטערניש האָט פאַרבאָרגן
דעם סוד פון רוים.
אפשר בין איך פאַרבייגעגאַנגען
און דיך אויסגעמיטן —
און אפשר וועל איך קיינמאָל
צו דיר נישט דערגיין.

כ'וואָלט וועלן אַזוי וויסן,
וואָס טראַכט דער בוים
און וואָס טראַכסטו דו,
ווען דו זעסט מיך נישט ?
דאָס בלויע הייזל, וואָס שטייט אין פעלד
טוט אָן דאָס סעלעדינע לבנה־העמד.

כ׳וויל נישט, וואָס כ׳וועל מאָרגן וועלן —
אפשר שוין נישט דיך און נישט דעם בוים.
דער פאַרטאָג וועט מיך אַנגעמען
מיט בײדע הענט
און צוזאַמען וועלן מיר פון אײנזאַמקײט
שרײַען דורך די טעג.

כ׳וועל נישט וויסן קײן וועג —
כ׳וועל נישט צײלן קײן טעג,
נאָר גאָט וועל איך בעטן,
וואָס האָט אַן אײביקײט צײט
ער זאָל זיצן בײַ דיר —
ווען מיך וועט רופן די נאַכט,
וואָס ליגט ווי אַ געטרײַער הונט
נעבן מײַן טיר.

## יב

פאַרנאַכט —
אַ פויגל האָט אין די אויגן
פאַרכאַפּט —
צוויי לעצטע טראָפּנס טאָג.
ער טראָגט זיי שנעל צו זיך אין נעסט —
איינעם פאַר זיך,
דעם צווייטן פאַרן ווייב.

איך גיי אויף דער פינצטערניש
ווי אַ קונצענמאַכער אויף אַ שטריק —
מיין שאָטן איז פון מיר
מיטן ליכט אַוועק.
איך קום צו מיין שטילער, שטומער שטוב
פון וועלכער מען פירט יעדער נאַכט
מיינע שוועסטערס קיין מיידאַנעק —
און וואו כ׳בלייב יעדן טאָג
אויפדאָסניי אַליין.

די נאַכט ווי אַ מילגרוים
פול מיט שטערן
איז קאַלט און הארב.
זאָל היינט די נאַכט
אַריינרייסן אין טאָג,
זאָל זי כאַטש איינמאָל זיין זים
ווי אַ קינד אין וויג.

כ׳זאָג דער נאַכט:
„אַ גוטע נאַכט״
און וואַרט אויף אַן ענטפער.
פאַרשטייט נישט די לבנה,
וואָס איך וויל —
און לאַכט.

יג

די נאַכט איז גרויס און שווער
ווי דער כסא־הכבוד.

די נאַכט זינגט אַ ניגון —
אַ ניגון פון טויט און פון געבורט.

די נאַכט איז איינזאַם,
דער טאָג איז נישט איר חתן.

דער טאָג האָט התונה געהאַט
מיט דער זון —
און די נאַכט איז פאַרבליבן
מיט איר שוועסטער דער לבנה.

באַלד וועט פאַלן אַ שניי
און וועט זיי ביידע באַשענקען
מיט גרויע צעפּ.

העד ! אויב די נאַכט
טוט דיר אַזוי וויי
ווי מיר,
זאָל כאָטש דער פּשוטער מענטש
זיין גליקלעך
און טרינקען פון אַן ערדענעם טאָפּ
דעם זאַפט פון אַ פּראָסטן מיטוואָך,
וואָס נישט דיר און נישט מיר —
איז ער נישט באַשערט.

יד

מיין נאַכט איז געבליבן אין סטריקעוו.
כאָטש קיין יידן זענען דאָרט מער נישטאָ.
מיין יידישע נאַכט איז געבליבן אין סטריקעוו —
מיין יידישע נאַכט — מיט געבויגענער פלייצע,
מיט שטעקן, מיט סליחות און מיט חצות.

כ'האָב אויפגעהאָנגען מיין נאַכט
אויפן שפּיץ פון בלויען קלויסטער
אַזוי ווי מ'האָט אויפגעהאָנגען מיין ברודער,
ווען מ'האָט דאָרט פאַרברענט דאָס בית-המדרש.

מיין נאַכט הענגט אין פּוילישן סטריקעוו
ווי אַן איינגעשרומפּענע פייג
פון וועלכער ס'איז אויסגערונען דער האָניק.
ס'הענגט מיין נאַכט, פון וועלכער
ס'איז אויסגערונען די זיסקייט
פון „פאַרוועדטע ביכער, פרייהייט און ליבע".

אין סטריקעוו זענען די שטערן געל
ווי נישט געשליפענע בריליאַנטן.
די הויט פון דער נאַכט
איז טונקל און ווייך
ווי די הויט פון אַן איבערגעריפּטער פרי.

ס׳וויינט דער הונט מיטן לאַנגען פּנים —
און איך — אין פּאַריז
אויף „פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד״
ביינאַכט, ביים הונדערט לאָמפּיקן ליכט —
טראַכט וועגן סטריקעוו
און באַוויין מיין נאַכט,
וואָס הענגט אויפן גאָלדענעם
שפּיץ פון קלויסטער
אַזוי ווי ס׳איז געהאָנגען מיין ברודער,
ווען מ׳האָט פאַרברענט דאָס בית-המדרש.

טו

די נאַכט בענקט צו גאָט
ווי איך אַמאָל.
די נאַכט פאַלט אויף דער קני
ווי איך אַמאָל.
די נאַכט איז טרויעריק און שיין
ווי איך אַלעמאָל.
די נאַכט איז הויך ביזן הימל
ווי איך קיינמאָל.

די שטערן האָבן געשוואוירן דער נאַכט
געטריישאַפט.
דער לינקער פראָפיל פון דער לבנה איז געל
ווי א באַנאַן.
ווען די נאַכט לעשט זיך אויס
צינדט זיך אָן מיין ליד.
ווען די כימערעס אויף דער „נאָטרע-דאַם"
שלאָפן איין —
גייט גאָטס מאַמע אויפן מאַרק
קויפן א קאַנאַריק
פאַר איר געקרייציקטן זון.

די נאַכט איז טיף
ווי דער בלויער ברונעם
ביי מיין באָבען אין הויף.
כ'וועל טרינקען דאָס באַזילבערטע וואַסער
פון עמער ווי אַ פערד.
אפשר וועל איך שטילן דעם דורשט
נאָך דער פאַרב,
וואָס דאַרף אויסמאָלן גאָט —
אַזוי גרויס ווי אַ קינד,
וואָס וויינט פון בענקשאַפט
צו די טעג
אין דער מאַמעס שויס.

טז

ביינאַכט —
גייט די נאַכט
מיט טונקעלע,
באָרוועסע טריט.

די נאַכט
איז הויך און שלאַנק
ווי די מולאַטין,
וואָס דרייט זיך
אויף שאַנז-עליזעי.

די לבנה שפּאַרט אָן
איר העלן קאָפּ —
אויפן האַלדז
פון דער נאַכט.

וויינענדיק פון טונקלען צער
שלאָפט פּאַמעלעך איין
די נאַכט.

ס'שלאָפן די הייזער
שטייענדיקערהייט,
מיט אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ
ווי פערד אין די שטאַלן.

אויפן בולוואַר „סען־זשערמען״,
ביים ליכט פון אַ „סינעמאַ״
בין איך מחדש מיין יידיש שטעטל,
וואָס שווימט אין הימל
ווי אַ וואָלקן —
פון ווייסן אַש
און ווייסן רויך.

געהייליקט פּאַלט מיין שטעטל
ווי אַן אויסגעלאָשענער מעטעאָר
מיר צופוסנס
ביים אַריינגאַנג
צו דער מעטראָ.

יז

ווי אַ שווערע נעץ
זינקט אין טיפן, טונקלען הימל —
די נאַכט.

ווי געפאַנגענע גאָלדענע פישלעך
ציטערן די שטערן
אין דער טונקעלער נעץ.

אָנגעשפּאַרט אויפן ברענענדיקן בליק
פון מיינע טונקעלע אויגן —
האַלט איך פעסט די נעץ,
וואָס רייסט זיך צום תהום.

די לבנה ווי דאָס גאָלדענע
קאַפּל פון כהן-גדול —
אויפן שפּיץ פון הימלישן קאָפּ.

כ׳וויל זינגען —
נאָר כ׳האָב מורא
גאָט זאָל נישט מיינען,
אַז כ׳זינג פאַר אים.

און איך מיין גאָר די נאַכט,
וואָס האָט פאַרטריבן די וועלט,
פאַרטריבן גאָט
און הערשט אַליין.

ווי לאַנג ?
אַזוי לאַנג,
ביז דער קאַיאָר
וועט מיט אַ שטיק פייער
אויסברענען אַ לאָך
אין דער נאַכטיקער נעץ.
ס׳וועלן אַנטרינען די גאָלדענע פישלעך,
ס׳וועט אַראָפּפאַלן דאָס גאָלדענע קאַפּל
פון הימלישן קאָפּ —
און מיך וועט דער פאַרטאָג
אויסשיילן, אויסשניצן
און אַוועקשענקען דעם טאָג
פאַר אַ מתנה
אָדער
פאַר אַ קרבן.

## יח

אויף מיין שמאָלער, שטילער גאַס
שווימט די נאַכט אויפן רוקן
ווי אַ בלויער פיש.

גרויסע הייזער שטייען
מיט פאַרמאַכטע אויגן
און הערן זיך איין
אין דעם טיפן אָטעם
פון דער גילדענער נאַכט.

ערגעץ, אויף אַ זיבעטן שטאָק
דאַוונט אַ פענצטער מיט ליכט —
צום אָפענעם הימל.

אַ העלע פרוי
דאַנקט דעם שפּיגל
פאַר די גאָלדענע שפּריצן
פון אירע בלויע אויגן.

וואָס איז דיין ווינקל
מיט דער לבנהדיקער וויג־שטיל
ביי דער פאַרמאַכטער טיר ?

פאַר מיר איז עס :
די גרויסע און וואַרעמע נאַכט,
וואָס פירט מיך
פאַמעלעך און זיכער —
צו דיר.

יט

ווי דאָס ברייטע,
שוואַרצע קלייד
פון אַ בעטנדיקן מאָנאַך —
ליגט די נאַכט אויסגעשפּרייט
אויף די שטיינערנע גאַסן.

אויפן מילך־וועג
ראַיען זיך שטע'רן
ווי די מוראַשקעס —
מיט אַ שטילן געפּילדער.

כ׳לערן די שוואַרצע
אותיות פון זוהר,
געפינטלט מיט שטערן.

אין דער נאַכט
ליגט דער סוד
פון דער וועלט —
ווי אין דעם
טונקלען ברונעם
דאָס גרינע זילבער
פון דער לבנה.

אין מיינע לאַנגע
ווייסע פינגער
ווי ביי אַ מקובל —
לעשט זיך פאַמעלעך
אוים דער זוהר.

דער פאַרטאָג זשומעט
ווי אַ גרויסע טונקעלע פליג
אויף דער בלויער שויב
פון אַ פאַרמאַכט פענצטער.

## כ

ווי אַ בלויער טראָפּן
דאָס עלעקטרישע לעמפּל
אין מילדן פּאַפּיר —
איבער מיין קראַנקען-בעט.
לאַנג —
די נאַכט גייט אום
אין אַ העמד פון שטילקייט
אויפן טונקלען לייב.

אַלע אומעטן
פון מיינע קינדישע
פאַרנאַכטן —
שטייען מיר צוקאָפּנס,
ווי שומרים ?
ווי רופערס ?

שנעל שפּאַנט דאָס האַרץ :
אַ טריט אַהין —
אַ טריט צוריק —
די קינדישע אומעטן
פון מיינע טונקעלע
פאַרנאַכטן
פלאַסטערן דעם וועג.

ס׳איז לאַנג און שטיל —
די נאַכט האָט איינגעהאַלטן
דעם אָטעם —
ס׳טריפט דאָס טראָפּן ליכט
איבער מיין אויסגעצערטן
פּנים.

## כא

דער האָז קוקט נאַקעט
און פאַרוואונדערט
אויף דעם אָפּגעשניטענעם
פעלד.

פאַמעלעך און שטיל
בליט די נאַכט.

מיטן ריח פון מילך און צואה
שלאָפט איין דאָס דאָרף.

פון דערווייטנס זעט אויס
מיין הויז
אין דער געדיכטעניש
פון סאָד
ווי אַ פּעטער טראָפּן
בלויע טינט.

ווען גרייט זיך דאָס
די נאַכט
אַזוי פאַרכטיק
צו הערן ?
וואָס האָט זי אַזוי ברייט געעפנט
די טונקעלע אויגן
מיט די גאָלדענע וויעס ?

כ׳קען היינט נישט טראַכטן
וועגן זיך
און אפילו נישט
וועגן דיר.
זיי מוחל —
ווען כ׳זאָל קענען די וועלט
אַזוי האַלטן אין מיינע אָרעמס
ווי דיך,
וואָלט איך פון איר
אויך נישט געטראַכט.

כ׳האָב די היינטיקע נאַכט
דאָס ערשטע מאָל
נאָך שווערע יאָרן
אויף אַ מינוט פאַרגעסן
דעם טעם פון טויט:
די איינציקע, אָרעמע ירושה
פון מיין יונג פאַרשניטענעם
דור.

## כב

פאַמעלעך לעשן זיך אוים די ביימער —
ס׳שמעקט מיט אַ פייכטן,
פאַרנאַכטיקן ריח.
די ווייסע רויזן
אונטער מיין פענצטער
ווערן זיך לאַנג
אַנטקעגן דער טונקלקייט
פון דער נאַכט.

אין טאָל איז די נאַכט
ברייט און הויך —
ביז צום הימל.
דער טאָל שפּילט
ווי אַ שפּיל-וואָרעם. —
בחורים און מיידלעך
פאַרוואַרפן אויף די העלדזער
די הענט —
ווי זאַפטיקע צווייגן
פון פרוכטן-ביימער.

ס׳פּיקן זיך אוים גאָלדענע שטערן
פון בלויען איי פון הימל.

די וועגן הויבן זיך אויף
ווי הענגל־בריקן
און פאַרוואָרפן זילבערנע שטריק
אויפן ליכטיקן ראָד פון דער לבנה.

ס'שלאָפט די נאַכט אין דאָרף
ווי אַ טונקעלער שעפּס
מיט אַ הויכער ווייכער פעל.

ס'איז שטיל און וואַרעם
און דער דינער טורעם
פון דעם הילצערנעם קלויסטער
שווייגט אַ תפילה.

(ס'האָבן זעקס יידן
אין דעם פראַנצויזישן דאָרף
איבערגעלעבט די מלחמה
און געבענטשט דאָס אָרט
מיט שלום און שלוה).

זשערמענוויל, אויגוסט 1949.

כג

אונטער מיין פענצטער אין גאָרטן —
בליט אַ שטיק נאַכט
ווי הויכער, ווייכער, טונקעלער מאָך.

ס׳איז פאַרלאָשן דאָס זעען.
אין דער געדיכטער פינצטערניש פון דער נאַכט —
טראָג איך פאַראוים מיינע אויפגעהויבענע הענט
ווי צוויי פינפערנדיקע, ברענענדיקע מנורות
פון חוש-המישוש.

כ׳גיי פון די פאַרברענטע נאַלעווקעס
ביז „קאַרטיע לאַטעין”
מיט מיין יידישן גורל
אויפן דאָרן האַלדז.

ווער קען פאַרשטיין אַ ייד.
וואָס פאַרמאַכט זיך ביינאַכט
אין די ווערטער פון קריאַת-שמע
אַזוי ווי אַ פּערל — אין דער פּערל-מוטער ?
אפשר די אָפענע גאַסן פון פּאַריז ?
און אפשר דאָס ליכט פון שאַנז-עליזעי ?

די לבנה איז גרין
ווי אַ נישט־צייטיקער עפּל.

כ׳גיי אַהיים,
מיין שכן טרינקט אין „ביסטראָ"
דעם אַפּעריטיף,
ייד... ייד!
וויפיל דורות דאַרף מען טראַכטן,
אַז מ׳זאָל אַרויפנידערן
אַזוי טיף?

וואָס ווייסט אַ ייד פון דורות?
אַ ייד ווייסט נאָר פון דויער,
ס׳געבוירן אייניקלעך זיידעס
און דער עתיד זאָגט פאַרן עבר
עדות.

וואָס ווייסט אַ ייד פון טראַכטן?
צו אַ ייד האָט מען זיך דערטראַכט.
די שרעק פון אַלע נעכט
געלייגט האָט מען אים צוקאָפּנס —
און דעם אומעט פון די פאַרנאַכטן
אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך.

מ׳קען מיט איין יידישער נאַכט
פאַרשאָטענען גאַנץ פּאַריז.
ס׳גייט איבער די גאַסן פון דער וועלט —
אַ געשחטענער ייד —
אַ ריז.

## כד

גאָט !
כ׳האָב קיינמאָל
אַזוי נישט געגלויבט אין דיר —
ווי ביינאַכט.

כ׳האָב דיך קיינמאָל
אַזוי נאָנט נישט געפילט —
ווי ביינאַכט :
ווען כ׳האָב געלייענט קריאת־שמע,
געזאָגט המפּיל —
און מיין שוועסטער חוה
האָט מיך אונטערגעהויבן
כ׳זאָל גרייכן צו דער מזוזה,
וואָס אויפן ביישטידל פון דער טיר,
כ׳זאָל גלעטן מיט מיינע קינדערשע פינגער
דאָס ערשטע אות פון דיין נאָמען,
די שפּאַלטן פון שין —
אויפן בלעכערנעם שיידל.

וואָס איז נאַכט אָן גאָט ?
ווי טאָג אָן זון.
וואָס זענען שטערן אָן גאָט ?
קאַלטע שטיינער
אויף אַ גליטשיקן וועג.

רוף מיך נישט,
כ׳וועל היינט נישט שלאָפן.
איז נישטאָ גאָט —
איז אוים מיט נאַכט.

כ׳וועל פאַרברענען די נאַכט
ביים ליכט פון לאָמפּן
ווי מ׳פאַרברענט ביים פייער
די בריוו —
פון אַן אָפּגעגאַרטער ליבע.

דעם טאָג פרעסן די מענטשן
ווי רויב־פייגל,
און די נאַכט אָן גאָט
איז ווי אַ געשטאָרבן האַרץ,
וואָס קלאַפּט שוין מער נישט
פאַר קיינעם.

כ׳וועל פון היינט אָן מער נישט שלאָפן.
וואָס איז דער שלאָף —
נישט געהיטן פון גאָט ?
א פאַרוואָרלאָזטער גאָרטן —
באַוואַקסן מיט ווילד־גראָז.
וואָס איז אַזוינס נאַכט אָן גאָט ?
א לעבן אָן חשבון —
אָן פאַרשרייבן, אָן סומירן.

אפשר קענסטו, גאָט,
גאָרנישט געבן ?
אפשר קענסטו בלויז צונעמען ?
נעם־זשע אויך צו די נאַכט :
דעם משכן, דאָס בית־המקדש,
דעם קדשי־קדשים פון דיין נע־ונד.

לאָדזש, 1947 — פאַריז, 1949.